# אַ פָּסוּק חוּמָש
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת

בעזהשי"ת ▪ תזריע/מצורע תשפ"א ▪ גליון קכא'


# וואס וואלט איך געטוהן ווען איך זעה א נגע?

### דער סיבה פארוואס
### אפי' א סימן פון הימל קען צומאל נישט טוישן א מענטש!

**אין די וואכעדיגע פרשה געפונען מיר דעם ענין פון נגעים.** נאכן זיך אביסל מתבונן זיין אין דעם ענין פון נגעים, פארוואס דאס איז געקומען פאר א מענטש און ווי אזוי ער האט זיך געקענט היילן פון דעם, לאמיר מאכן א חשבון הנפש: ווי אזוי וואלטן מיר זיך באגאנגען היינטיגע צייטן ווען מיר וואלטן געזעהן א נגע? **ואולי עי"ז, וועלן מיר פארשטיין פארוואס עס קען זיין זיך מאכן ביי מענטשן אז אפי' א סימן פון הימל זאל זיי נישט מעורר זיין צו טוישן צום גוטן!**

**לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך....**

**אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן...** (ויקרא יג, ב)

אין די פרשת פון תזריע ומצורע, לערנען מיר וועגן דריי סארטן נגעים[א], צוויי אין פרשת תזריע: נגעי **אדם** און נגעי **בגדים** און איינס אין פרשת מצורע: והוא נגעי **בתים**. (שם יד-לד)

יעדע נגע האט זיינע הלכות ווען עס איז טהור, ווען עס איז טמא, און ווען מען דארף ווארטן... גאנצע מפורשים און הלכות זענען שוין געשריבן געווארן אויף דער ענין פון נגעים, צו פארשטיין יעדע נגע וואס דאס איז און אויב עס איז טהור אדער טמא. דאס איז פון די שווערסטע סוגיות אין ש"ס.[ב]

**לאמיר פארשטיין: וואס איז דער נגע? איז דאס א מחלה אדער עפעס א העכערע זאך?**

זאגט דער רמב"ם (הלכות טומאת צרעת פרק טז' הלכה י'): דער גאנצע ענין פון א נגע איז נישט געווען קיין טבע'דיגע זאך, עס איז נישט געקומען צוליב עפעס א קראנקהייט און עס האט נישט געקענט געהיילט ווערן דורך די דרכי רפואה, **אלא אות ופלא היה בישראל**, עס איז געווען א וואונדערליכע זאך וואס האט פאסירט דוקא צו אידן.

ווי דער אוהח"ק זאגט אויפן פסוק: **אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ**, אתם קרויים אדם ואין עכו"ם קרויים אדם, נאר א איד איז מטמא בנגעים אבער א גוי איז נישט מטמא בנגעים.

**לאמיר פארשטיין: פארוואס טאקע איז דאס עפעס וואס איז נאר שייך ביי אידן אבער נישט ביי גוים?**

## ר' מענדל מיטן נגע...

אין אינדערפרי, שטייט ר' מענל אויף, ווען פלוצלינג זעהט ער אויף זיין האנט אזא סארט ווייסע מאדנע אויסשלאג. ער טראכט צו זיך, "אינטרעסאנט, וואס איז דאס? וואו האב איך זיך נעכטן אריינגעהאקט? וואס האב איך נעכטן אנגערירט אז עס האט מיר געמאכט אזא אויסשלאג?"

[א] 1-**אָדָם** כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת וגו' וְהוּבָא אֶל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. (יג' ב) 2-**וְהַבֶּגֶד** כִּי יִהְיֶה בוֹ נֶגַע צָרָעַת בְּבֶגֶד צֶמֶר אוֹ בְּבֶגֶד פִּשְׁתִּים. (יג-מז) 3- כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת **בְּבֵית** אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם.

[ב] ווי די גמרא זאגט אין חגיגה (יד.): ראב"ע זאגט פאר ר' עקיבא, "**עקיבא, מה לך אצל הגדה? כלך מדברותיך אצל נגעים ואהלות**". דוד המלך האט געבעטן פונעם אייבערשטען אז ווען איינער זאגט תהילים, זאל דאס פאררעכענט ווערן ווי גלייך ער איז יעצט עוסק **בנגעים ואהלות**.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

ער גייט געמיטליך אין שוהל אריין, ווען פלוצלינג לויפט אים אנטקעגן זיין חבר ר' שמואל, א שטיקל תלמוד חכם. ער געבט אים א פרעג, "ר' מענדל! וואס איז די ווייסע פלעק אויף דיין האנט?" ר' מענדל, אן איידעלע איד, ענטפערט אים שעמעדיגערהייט, "איך ווייס נישט קלאר, מסתמא האב איך געכאפט עפעס א קלאפ ערגעץ..." און גרייט זיך צו גיין ווייטער...

דער חבר ר' שמואל ריקט זיך נישט פון ארט, ער שטייט און באטראכט אים גוט, "איך קען דאס נישט סתם אדורך לאזן, דאס האט דאך די סימנים פון א נגע..."

ער רופט זיך אן מיט א קרעכץ, "אוי ר' מענדל, הלואי ווען איך דארף דיר דאס נישט זאגן אבער דאס איז נישט קיין קלאפ אדער אן אויסשלאג, דאס קוקט אויס ווי א "נגע"!"

"א נגע?! וואס?!" וואונדערט זיך ר' מענדל, "איך בין דאך גאנץ א פיינע אינגערמאן, איך לערן, איך דאווען, וואו קומט צו מיר א נגע?! נע, מסתמא מאכט איר א טעות..."

"ר' מענדל, איך מאך נישט קיין שום טעות", שרייט אים צוריק ר' שמואל, "גיי שוין צום כהן און טשע"ק זיך אויס! מען קען דאס נישט סתם איגנארירן! דו האסט א חיוב! עס איז א מצות עשה פאר סיי ווער עס איז א מצורע צו גיין צום כהן און אנפרעגן אויף זיין צרעת. דער כהן וועט דיר שוין זאגן געווי וואס און ווען דו דארפסט טוהן. (חינוך מצוה קסט. מצות טומאת מצורע). ר' מענדל, גיי שנעל צו הרב גדלי' כהן, ער איז זייער אן ערליכע כהן, א כהן מומחה בעניני נגעים!"

"ניין, ניין, ס'גוט, איך שעם זיך פון אים. איך האב א נאנטע קרוב, גאנץ א פיינער כהן, איך וועל ענדערש גיין צו אים און ער וועט מיר דאס זיכער שיין מסדר זיין".

"חס וחלילה", שרייט ר' שמואל, "מען טאר נישט גיין צו א קרוב[ג] ווייל א קרוב וועט דיר נישט זאגן דעם אמת! דו דארפסט גיין צו א כהן וואס וועט דיר זאגן דעם אמת..."

אינגאנצן צוטראגן, גייט ר' מענדל צום כהן, דער רב, בעת וואס ער טראכט צו זיך, "וואס גייט דא פאר? **ווער זאגט אז איך דארף א כהן? אפשר דארף איך פשוט א דאקטער!** וואס קען שוין דער כהן טוהן? ער קען מיר דען היילן?"

דער כהן קומט ארויס פון שטוב[ד], ער קוקט און קוקט, באטראכט גוט דעם נגע און זאגט, "ר' מענדל, וואס זאל איך אייך זאגן, די צורה קוקט אויס ווי א נגע אבער וויבאלד איך זעה נאך נישט אין דעם די סימני טומאה, דארפן מירווארטן נאך א וואך. דערוויל, זייט מוחל און גייט ארויס פון געגנט, אינדרויסן פון אלע דריי מחנות. דארט האב איך א שטיבל וואו איר וועט זיך אויפהאלטן פאר א וואך צייט. דערנאך, וועל איך נאכאמאל קומען און דאס באטראכטן אויב דאס איז טמא אדער טהור...

"אבער פארוואס?" שרייט ר' מענדל "וואס האב איך געטוהן? פארוואס קומט דאס מיר?!"

"איך ווייס נישט געווי" זאגט אים דער כהן "עס קען זיין צוליב עטליכע זאכן. אפשר לה"ר... גאוה... אדער אפשר צרות עין[ה], עפעס אן עבירה איז דא ביי אייך און מען שיקט אייך א סימן פון הימל אז איר זאלט זיך איבערקלערן און זיך פאררעכטן. ר' מענדל, מען באקומט נישט קיין נגע סתם אזוי!"

"הרב כהן, טוט מיר א טובה... לאז מיר אהיים גיין, צו געדענקט איר נישט די בזיונות וואס איך האב מיטגעמאכט א האלבע יאר צוריק ווען מען האט פארברענט מיינע קליידער צוליב א נגע?! צו געדענקט איר נישט די בזיונות וואס איך מיטגעמאכט א יאר צוריק ווען מען האט מיר געהייסן אויספאקן מיין גאנצע שטוב אויפן גאס איידער איר זענט אריין דארט... געוונג... איך קען שוין נישט מער..."

"איי איי, ר' מענדל, וואס זאל איך אייך זאגן, קיינער וויל אייך נישט שטראפן, קיינער וויל אייך נישט ווי טוהן, נאר אדרבה, דער גאנצע ענין פון נגעים איז בלויז רחמים וחסדים... איר ווייסט אפשר ווער עס איז שולדיג אויף די יעצטיגע בושות?"

**נישט קיין צווייטער ווי ר' מענדל אליין! פארוואס איז ער שולדיג? ווייל ער האט נישט געכאפט דער מעסעד"ש... אבער איידער מיר גייען צוריק צו יענע בושות, לאמיר קודם פארשטיין וואס דא גייט פאר.**

## וואס מיינט דער ווייסע פלעק???

דער כהן איז מסביר: מיין טייער קינד, איר דארפט פארשטיין אז דאס איז נישט קיין בושות, נאר איין שטיק אהבה! וויבאלד מיר זענען אזוי באליבט און טייער ביים אייבערשטען און אונזער נפש איז אזוי הייליג און ריין, וויל דער אייבערשטער אז מיר זאלן אכטונג געבן אויף דעם ווי דיימאנט שטיינער און אוועק שטיין פון יעדע סארט עבירה'לע וואס קען פארשמירן דעם נפש.

דער קליינע ווייסע סימן אויף דיין האנט (אפי' דאס איז נאר קליין ווי א גריס), ווייזט אז עפעס חיות איז אוועק פון אייך, עפעס א מדה'לע אדער עבירה'לע האט איר געטוהן! און אויב איר גייט דאס איגנארירן, וועט דער אינפעקצי"ע ווערן גרעסער און גרעסער.

---

[ג] כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, **ר' מאיר אומר אף לא נגעי קרוביו** (ירושלמי נגעים ב ב והלאה). וא"ת ומי ראה נגע מרים? אם תאמר משה ראה! זר אינו רואה נגעים. אם תאמר אהרן ראה? אין קרוב רואה את הנגעים! **אמר הקב"ה אנא כהנא אנא מסגירה אנא מטהרה.** (ויקרא רבה טו ח)

[ד] רמב"ם טומאת צרעת פ"ט הלכה ו'

[ה] **א"ר יוחנן על שבעה דברים נגעים** באין על לשון הרע ועל שפיכות דמים ועל שבועת שוא ועל גילוי עריות ועל גסות הרוח ועל הגזל ועל צרות העין. (ערכין טז.) ולכך יש שבעה מיני נגעים: א- נגעי בשר. ב- שחין, ג- מכוה, ד- נגעי הנתק, ה- קרחת וגבחת, ו- נגעי בגדים, ז- נגעי בתים. (אור התורה) ובמדרש כ' כך שנו רבותינו על אחת עשרה דברים הנגעים באים על האדם. (תנחומא יד' סימן ד')

פארוואס פונקט ווייס? היות דער חיות פון א מענטש ליגט אין זיין בלוט (ווי דער תורה זאגט: כי הדם הוא הנפש), ווען דער חיות גייט אינגאנצן אוועק (ער ווערט נפטר), ווערט דער גוף ווייס. אזוי אויך, ווען נאר אביסל חיות פון א מענטש גייט אוועק, ווי למשל ווען ער ווערט פארשעמט, ווערט ער נאר ווייס פאר אביסל צייט און תיכף דערנאך קומט צוריק די רויטקייט.

דער זעלבע כלל געשעהט ווען א מענטש זינדיגט! געוואנדן ווי גרויס די עבירה איז, גייט אוועק אביסל חיות פון דער פלאץ וואו עס האט משפיע געווען און עס ווערט ווייס. עס קען צומאל זיין נאר אויף איין אבר אדער נאר אויף א פיצעלע פלאץ, אבער עפעס א חיות איז אפגעשטארבן און מען דארף דאס צוריק ברענגן. (עי' באריכות מאור ושמש עה"פ אדם כי יהיה בעור בשרו, ד"ה עוד על הפסוק הנ"ל.)

דער כהן זאגט ווייטער, "ר' מענדל, בשעת איר וועט איינגעשפארט, דארפט איר מאכן א חשבון הנפש וועלכע זינד איר זענט באגאנגען... אפשר האט איר גערעדט לה"ר, זיך אביסל גרויס געהאלטן אדער נישט פארגינען א צווייטן[ו]... במשך די וואך צייט דארפט איר עוסק זיין אין דער ענין פון תשובה און חרטה... ביז עפעס אביסל טונקלקייט (דהיינו חיות) וועט צוריקומען ..."

"וויסן זאלט איר אז לויט אייער תשובה, אזויפיל חיות וועט צוריק קומען אויף דער פלאץ. (וואס דאס מיינט בעצם דער טינקעלע קאליר, עיי"ש במאור ושמש). און אויב איר גייט בכלל נישט תשובה טוהן, וועט דער מכה נישט אוועקגיין! לאמיר האפן אז איר וועט גוט תשובה טוהן און נישט דארפן ווערן איינגעשפארט פאר נאך א וואך...

**ר' מענדל, שטייט געפלעפט און אינגאנצן פארוואונדערט, "וואס? מען קען אמת'דיג זעהן אויף מיין האנט אז איך האב געזינדיגט? און דאס גייט זיך נישט אויסהיילן פון זיך אליין נאר דורך תשובה טוהן?? און דער כהן גייט קענען זעהן אויף מיין האנט וויפיל איך האב תשובה געטוהן?? אביסל תשובה, אביסל געהיילט... נאך תשובה, נאך געהיילט."**

"הרב כהן, איך וויל חלילה נישט זיין קיין מחוצף אבער ווי אזוי זענט איר אזוי זיכער אז דאס איז א נגע? אפשר איז דאס יא עפעס א מחלה פון צרעת וואס מיין גוף ליידט יעצט פון דעם?"

**"איי ר' מענדל, פארוואס גייט איר ווייטער מיט די מהלך?? ווען גייט איר שוין כאפן דער מעסעד"ש פון הימל? וויפיל דארף מען אייך מרמז זיין ביז איר וועט פארשטיין? איר פרעגט פארוואס איך זאג אז איר זענט אליין שולדיג אין די אלע בושות, וועל איך אייך מסביר זיין..."**

**איי ר' מענדל, פארוואס גייט איר ווייטער מיט די מהלך?? ווען גייט איר שוין כאפן דער מעסעד"ש פון הימל? וויפיל דארף מען אייך מרמז זיין ביז איר וועט פארשטיין?**

דער כהן געבט צו פארשטיין: דו ווייסט וויפיל דער אייבערשטער האט דיר ליב? דו ווייסט וויפיל דער אייבערשטער האט אכטונג געגעבן אויף דיין כבוד? דער רמז וואס דו זעהסט דא היינט, האט זיך נישט יעצט אנגעפאנגען....

א יאר צוריק, האט מען דיר שוין שטילערהייט געשיקט א מעסעד"ש אין שטוב אריין אז דו דארפסט פאררעכטן דיינע וועגן... אודאי געדענקסטו נאך יענע נגע אויף דיין שטוב... אבער דו האסט נישט געוואלט פארשטיין און געגעבן אלע סארט תירוצים פארוואס דאס האט פאסירט, די וואנט נעצט, דער שכן בויעט ... אלעס נאר נישט צו זאגן אז ר' מענדל דארף זיך פאררעכטן...

בלית ברירה, האט דער רופא חולי עמו ישראל, ווענדיג אזוי שטארק אז דו זאלסט צוריק באקומען דיין אמאליגע גלאנץ, געמוזט שיקן אביסל א שטערקערע מעסעד"ש כדי דו זאלסט זיך וויסנדיג מאכן. א האלבע יאר שפעטער, האט דיין קלייד, וואס איז שוין אביסל נענטער צו דיר, באקומען א נגע. אבער ר' מענדל, דו ביסט געווען צו ביזי און זיך נישט אפגעשטעלט צו טראכטן א מינוט... דו האסט נישט געכאפט דער מעסעד"ש...

בלית ברירה, כדי אז דו זאלסט שוין איינמאל פאר אלעמאל מוזן כאפן דעם מעסעד"ש, האט דיין גוף באקומען א נגע! און יעצט ר' מענדל, האט איר שוין נישט קיין ברירה, איר מוזט עפעס טוהן וויל דער נגע גייט זיך נישט אויסהיילן... נאר דורך תשובה! יא, דער הויז האט מען געקענט צוהאקן, פאררעכטן און געגאנגען ווייטער, דער קלייד האט מען געקענט פארברענען, אבער דיין האנט קען מען נישט אראפנעמען! די איינציגסטע וועג ארויס פון דער נגע איז נאר דורך תשובה[ז]...

און טאקע דערפאר איז דער איינציגסטע רפואה פאר דעם צו זיצן אליין, אינדרויסן פון שטאט, אינמיטן וואלד ווי עס איז שא שטיל, אן קיין חברים אדער משפחה און זיך טרעפן מיט זיך אליין, אנהייבן רעדן צום אייבערשטען, מאכן א חשבון הנפש און תשובה טוהן.

---

[ו] **א"ר יוחנן על שבעה דברים נגעים באין** על לשון הרע ועל שפיכות דמים ועל שבועת שוא ועל גילוי עריות ועל גסות הרוח ועל הגזל ועל צרות העין. (ערכין טז.) ולכך יש שבעה מיני נגעים: א- נגעי בשר. ב- שחין, ג- מכוה, ד- נגעי הנתק, ה- קרחת וגבחת, ו- נגעי בגדים, ז- נגעי בתים. (אור התורה) ובמדרש כ' כך שנו רבותינו על אחת עשרה דברים הנגעים באים על האדם. (תנחומא יד' סימן ד')

[ז] עי' במדרש רבה: ר' הונא בשם ר' יהושע בר אבין ור' זכריה חתניה דר' לוי בשם ר' לוי, **אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחילה וכו'**, ואף נגעים הבאים על האדם, תחילה הן באים בביתו. חזר בו טעון חליצה. ואם לאו טעון נתיצה. הרי הן באים על בגדיו חזר בו טעון כביסה ואם לאו שריפה. הרי הם באים על גופו, חזר בו טהור, ואם לאו בדד ישב". (ויק"ר י"ז, ד) וכ"ה ברמב"ם (הלכות טומאת צרעת פרק טז' הלכה י') ...אם חזר בו, יטהר הבית, ואם עמד ברשעו עד שהותץ הבית - משתנין כלי העור שבביתו, שהוא יושב ושוכב עליהן. אם חזר בו, יטהרו; ואם עמד ברשעו עד שישרפו, משתנין הבגדים שעליו. אם חזר בו, יטהרו; ואם עמד ברשעו עד שישרפו - משתנה עורו ויצטרע, **ויהיה מובדל ומפורסם לבדו, עד שלא יתעסק בשיחת רשעים, שהיא הליצנות ולשון הרע...**

און דאס אליין וועט זיין די בעסטע ראיה אז דאס איז נישט צרעת, נאר בלויז א סימן פון הימל בצורת צרעת. ווייל אויב דאס וואלט געווען אמת'ע צרעת, וואלט דאס נישט געקענט געהיילט ווערן אויף אזא אופן. נאר אדרבה, דאס וואלט נאך ערגער געמאכט די צרעת ווייל זיין אליין ברענגט עצבון וצרות לב וואס איז משפיע אויף די הויט... די איינציגסטע רפואה פאר אמת'ע צרעת איז פארקערט, זיין מיט מענטשן און זיין באקוועם אינדערהיים.

דא אבער, ווערסטו זעהן אז זיין אליין אן קיין חברים, אוועק פון אינדערהיים, דאס וועט דיר היילן ווייל עס איז **א סימן וואס דער אייבערשטער שיקט דיר צו מעורר זיין צו תשובה**. (עי' באריכות אוחה"ק פרשת מצורע עה"פ זאת תהיה תורת המצורע יד א ד"ה עוד נראה לפרש)

ר' מענדל טייערע, אויב וואלסטו געכאפט דער מעסעד"ש א יאר צוריק, וואלסטו נישט געדארפט אזויפיל ליידן...

## ר' מענדל איז מודה על האמת...

ר' מענל הייבט אן וויינען... און זאגט, "הרב כהן שליט"א, איך זעה שוין קלאר. יא, יא, מען מיינט טאקע מיר... איך האב שוין נישט קיין וועג ארויס... איך מוז מודה זיין אז דער ענין פון קנאה און גאוה איז זייער שטארק ביי מיר, והריני מתודה עליכם, איך דארף ארבעטן אויף מיינע מדות..."

"הייליגע כהן, טייערע כהן, חטאתי עויתי פשעתי! פון היינט און ווייטער, גיי איך שוין זיין גוט! איך גיי זיך **מתבונן** און **מתבודד** זיין... לאמיר האפן אז מיין תשובה וועט ווערן נתקבל לרחמים ולרצון לפני אדון כל... איך כאפ שוין זייער קלאר די מעסעד"ש!"

"אבער איין זאך בעט איך אייך, געבט איבער פאר די קומענדיגע מענטשן, גלייך ביים ערשטן מאל ווען איר גייט באזיכן זייערע שטובער, אז זיי זאלן נישט זיין קיין נערנים, זיי זאלן זיך כאפן באצייטנס ווילאנג די סימן איז נאך קליין און שטיל און פאררעכטן וואס מען דארף... זיי זאלן נישט ווארטן ביז מען וועט זיי דארפן ארויסווארפן פון שטאט!"

~

יעצט קען מען גוט פארשטיין דעם אוחה"ק מיט וואס מיר האבן אנגעפאנגען, "**אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ**", אתם קרויים אדם ואין עכו"ם קרויים אדם, נאר א איד איז מטמא בנגעים אבער א גוי איז נישט מטמא בנגעים. פארוואס? זאגט דער אוחה"ק: **כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ**, דער טומאה הצרעת איז נישט קיין טומאה וואס איז אן עצם טומאה, עפעס וואס איז אין זיין נפש, נאר עס איז א טומאה אויף זיין הויט און פלייש וואס איז אביסל שמוציג געווארן מיט צרעת דורך עפעס א חטא, אבער זיין עצם נפש איז הייליג און ריין. משא"כ, א גוי וואס זיין עצם נפש איז צרעת ומינים, שלעכט און שמוציג, מאכט דער נגע גארנישט אויס.

ולפי"ד, וועלן מיר מוסיף זיין: טאקע דערפאר האט דער איד אויף דער ענין פון די רפואה, ער דארף זיך כאפן און זיך צוריק קערן צום אמאליגן גלאנץ. משא"כ, דער גוי דארף נישט כאפן און האט נישט וואס זיך צוריק צו קערן צו ווייל זיין עצם איז שלעכט.

**זיי זאלן נישט זיין קיין נערנים, זיי זאלן זיך כאפן באצייטנס ווילאנג די סימן איז נאך קליין און פאררעכטן וואס מען דארף...**

**זיי זאלן נישט ווארטן ביז מען וועט זיי דארפן ארויסווארפן פון שטאט!"**

דאס איז דער תכלית פון א נגע: כאפן דער מעסעד"ש בעוד מועד. "**ולא יקח הדבר כחולי הבא במקרה, אלא יתן לב עליו וידע כי גודל עונו גרם אותו.**" (חינוך מצוה קסט. מצות טומאת מצורע)

און דאס איז דער לימוד פון פרשת טהרה: ווי די חינוך שרייבט: משרשי המצוה הוא **לקבוע בנפשותינו כי השגחת ה' ברוך הוא פרטית על כל אחד מבני אדם, וכי עיניו פקוחות על כל דרכיהם**, אויף יעדע מענטש באזונדער איז דא א השגחה עליונה וואס געבט אכטונג אויף אים וואו ער שטייט און גייט. און ווען עס פאראהנקעט זיך און עס גייט אים נישט גוט, זאל ער דאס נישט תולה זיין אין א מקרה, נאר אנערקענען אז דאס איז דער בורא ומנהיג וואס שיקט אים א סימן מלמעלה! **ולכן הוזהרנו לתת לב אל החולי הרע הזה ולחשוב כי החטא גרם אותו...** ניין, דו ביסט נישט סתם אזוי קראנק געווארן, עפעס וויל מען פון דיר! **ולא נקחנו דרך מקרה.** (מצוה קסט. מצות טומאת מצורע)

**אשרי העם שככה לו**, וואויל איז פאר די אמאליגע הייליגע אידן וואס האבן זוכה געווען צו זיין אין די הייליגע צייטן, ווען דער אייבערשטער האט זיי געהאלטן אינגאנצן ריין און זיך געפירט מיט זיי שלא כדרך הטבע און געשיקט קלארע סימנים ווען זיי דארפן זיך פארבעסערן און ווען זיי האבן זיך שוין פארבעסערט...

(עי' בדברי הרמב"ן עה"ת **בנגעי הבתים, שדב"ז לא היה כי אם בתקופה מסוימת**, ועי' עוד בדברי האלשיך הק' עה"פ והיה בעור בשרו לנגע הצרעת, **שענין הנגעים לא היה כי אם כאשר ישראל היה שלמים קדושים בתאר "אדם"** אז תגעל נפשם כח טומאתם להראות החוצה בעור הבשר, אבל בזמן שנתמעטה הקדושה ופסו אמונים מבני אדם לא תגעל נפשם כח טומאתם... וזהו הענין של והיה בעור בשרו לגנע. לשון שמחה, כי שמחה תחשב לו שעשה העון רשם בו. )

בזמנינו אלה, בזמן ההסתר והגלות, זענען מיר נישט זוכה צו אזא גלוי. ווען עפעס פאסירט, איז שווער צו וויסן קלאר על מה ולמה... אבער צו דען האט זיך אויפגעהערט די השגחה עליונה?! די השגחה פרטיות אויף שריט און טריט גייט ווייטער אן...

דאס איז איינע פון די 13 עיקרים וואס מיר שרייען אויס יעדן טאג. **אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים...**

יא! אפי' בזמן ההסתר איז אויך דא סימנים, דער אייבערשטער שיקט אונז כסדר סימנים. נאר וואס, מיר כאפן דאס נישט! דער שוואונג פון טאג טעגליכן לעבן און אלע תאוות עוה"ז טוט אונז פארבלענדן און לאזט אונז נישט טראכטן...

# מוסר השכל:

דער אייבערשטער, דער רופא חולי עמו ישראל, וויל נאר גוטס פאר די אידן, ער וויל אז זיינע הייליגע קינדער זאל בלייבן מיטן פולסטן גלאנץ בתכלית השלימות.

על כן, אויב דער אייבערשטער חלילה זעהט אז די מדות פון דער מענטש ווערט אביסל נפגע, שיקט ער אים א קליינע סימן אין זיין שטוב זאגנדיג, "ר' איד, קער זיך צוריק! הייב אן לעבן ווי א איד! פארגין א צווייטן! האב אמונה און גלייב אז קיינער נעמט גארנישט צו פון דיר, בארעד נישט קיין צווייטן!"

אויב דער מענטש כאפט דעם סימן, ענדיגט זיך דאס ביים דעם.

און אויב נישט, אויב דער מענטש איז צו פארנומען אדער צו שטארק אריין געטוהן אין די גשמיות'דיגע וועלט און איז אלעס תולה אין א מקרה, עס איז פארצופאל אזוי געשעהן, דעמאלטס שיקט דער אייבערשטער נאך א סימן וואס נענטער צום מענטש, אויף זיינע בגדים, בעטנדיג "ר' איד, קער זיך צוריק, א איד דארף ארבעטן אויף זיינע מדות און השקפות."

דער אייבערשטער וויל נישט אז עס זאל אנקומען צו א מצב אז דער מענטש אליין בכבודו ובעצמו זאל ווערן פארשעמט ... אבער אויב עס איז נישט דא קיין ברירה, דער מענטש כאפט נישט די מעסעד"ש, מוז מען שוין חלילה שלאגן דעם גוף אליין.

**דער סיבה פארוואס אפי' א סימן פון הימל קען צומאל נישט טוישן א מענטש איז נאר ווייל מיר זענען אלעס תולה אין א מקרה! פארוואס? ווייל מיר האבן נישט קיין צייט צו טראכטן...**

•••

וואס איז דער עצה? זאגט דער ר"ן בא"ד (דרשות הר"ן דרוש י'): דער כח הדמיון איז איינגעפלאנצט אין דעם מענטש און דאס טוט אים כסדר מאכן פארנומען און נאכלויפן די תאות עוה"ז. ווען דער כח וועט ווערן אוועקגענומען פון דער מענטש, (ובפרט אין די צייטן ווען עס גייט אים נישט אזוי גוט, וואס דעמאלטס קען דער דמיון אים נישט אזוי שטארק פאר'נאר'ן,) וועט ער פון זיך אליין איינזעהן דעם אמת והוא שב בכל לבבו.

ווען דער מענטש וועט ארויסגיין פון זיין שגרת החיים, ער וועט זיך צוזאם נעמען און זיצן פאר עטליכע מינוטן אדער שעה'ן אפגעשיידט און אפגעזינדערט פון דער גאנצע שטראם פון עולם הזה און זיך מתבונן זיין ווער איז זיין טאטע און ווי אזוי ער קען אים דינען, דעמאלטס וועט ער אודאי טרעפן דעם ריכטיגן וועג און וויסן ווי אזוי זיך צוריק צו קערן מיט אן אמת'ע תשובה, זיך אונטערנעמען נייע קבלות און פארעכטן, און זיך בעטן ביים אייבערשטען אז ער זאל אים נישט פארלאזן און העלפן אויף ווייטער...

און אויב מיט דעם אלעם איז אים נאך אלץ שווער צו טרעפן וואו ער גרייזט, זאל ער דאס אויך בעטן פונעם אייבערשטען איינמאל און נאכאמאל, "רבוש"ע, העלף מיר אז איך זאל קענען איינזעהן וואו איך גרייז און געב מיר די כח עס צו קענען פאררעכטן..." **לאמיר טאקע זוכה זיין!**

# מעשה רב

## ווי אזוי האבן די אמוראים געלעבט אמאל?

דערציילט די גמרא (ברכות דף ה): רב הונא האט געהאט פיר הונדערט פעסער פון וויין וואס איז אים פלוצלינג געווארן עסיג און ער האט געהאט א גרויסע שאדן פון דעם.

רב יהודה מיט די רבנן זענען אריין צו אים (ואמרי לה רב אדא בר אהבה ורבנן) און אים געזאגט, "רבי, קוקט איבער אייערע מעשים! פארוואס איז דאס געשעהן?"

רב הונא וואונדערט זיך און פרעגט, "בין איך נחשד אין אייער אויגן אויף עפעס אן עבירה אז איר הייסט מיר תשובה טוהן?" זאגן אים די חכמים צוריק, "רבי! צו איז דער אייבערשטער חשיד אין דיינע אויגן אז ער זאל מאכן א דין אן קיין חשבון?" רב הונא רופט גלייך אויס, "ווער עס ווייסט עפעס פון מיר וואס איך דארף פאררעכטן, זאל מיר ביטע שוין זאגן!"

האט מען אים געזאגט, "מיר האבן געהערט אז דער רב האט זיך נישט 100% צוטיילט מיט זיין שותף (דער ארים). פון די טרויבן יא אבער פון די צווייגן האט ער נישט באקומען. די גמרא זאגט דאך (בבא מציעא דף ק"ג א): כשם שחולקין ביין כך חולקין בזמורות ובקנים.

הערנדיג די ווערטער, האט רב הונא צוריק געזאגט, "וואס הייסט? דער האט דאך מיר בא'גנב'ט פיל מער פון דעם, איך דארף אים נאך דאס אויך געבן?!" זאגן אים די חכמים, "וואס זאלן מיר אייך זאגן... ער גנב'ט אבער איר דארפט זיך נאך פירן ע"פ הלכה."

זאגט זיי רב הונא, "גערעכט, איך בין מקבל אויף מיר צוריקצוגעבן פארן ארים אלעס וואס קומט אים."

דערציילט די גמרא ווייטער: גלייך דערנאך, האבן זיך אלע פעסער וויין צוריקגעקערט צו איר ארגינעלן גוטן טעם און מער נישט קיין עסיג. ויש אומרים, אז דער עסיג איז געווארן אזוי טייער, אז מען האט דאס געקענט פארקויפן פאר די פרייז פון וויין.

אזוי צו אזוי, ווי נאר רב הונא האט געכאפט די השגחה פרטיות און נאר "מקבל געווען" אויף זיך צו פאררעכטן, האט זיך דער שאדן אויך באלד פאראכטן...

### און טאקע דאס האט אונז דער נגע אויסגעלערנט...

עס איז דא אן אנגייענדיגע השגחה פרטיות יעדע רגע און יעדע מינוט. גארנישט געשעהט נישט סתם אזוי אדער פארצופאל, מיר דארפן נאר זיין וואכעדיג און כאפן דער מעסעד"ש...

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com